# איין שיין פורים שפיל

[המקור : ויקיפידיה]
[.https: ..yi.wikisource.org.wikiאיין_שיין_פוריי_שפיל ]

**קרובץ**

**זה השער ליהיה**

**צדיקים יבאו בו**

**נכתב בשנת חמשת אלפים וארבע מאות וחמשים ושבעה לבריאת עולם למנין שאנו מונין כאן באלטארף המפוארה**

**ובשנת אלף ושש מאות ותשעים ושבעא ללידת ישוע הבן משיח ה׳**

**כל השערים ננעלו חוץ משערי דמעה** להיות לי לעד ולזיכרון לדורי דורות התמתי את שמי הטרוד במלאכ׳ שמיי יהן קריסטיאן יאקוב לעבר משה כהן מקראקא ושינוי השם משנה מזל ואין מזל לישראל

**הפותח את השער אל דופקי׳ בתשובה** שייך להאלוף התורני מוי מהרר יוחנן נקרא בפי כל אדם דאקטור וואגון זייל מנירן בערג כתבתי לכבודו

איין שין נייא שפיל פאר גשטעלט. וויא עש איז צו גאנגין אין דער וועלט. היפש אין ריימן. גזעצט צו איין דאמין. וויא עש איז צו גאנגין אין אחשוורוש צייטן. דאש מאן האט גהערט אויף אלי זייטן . וויא עש איז דען המן אויש גיגאנגין. אז ער איזט ווארדן גהאנגין. ווייל ער האט ווידר דיא יודן וואש ביזש פאר גנומין. דרום איזט ער זעלבר אן גאלגין גיקומין. ווייל ער האט זיך גפירט אין גרושר פראכט. דרום איזט אין גיווארין דער גלגין רעכט. דיזש גלייכן עקסעמפעל זאל איין יעדר אן שואן. אוני׳ זאל אויף קיין מענשין בויאן . זונדרין זאל האבין אויף גאט דען הערין זיין פר טרויאן. אונ פון גאט ניכט פר צאגין. דרויף וועלין מיר אמן זאגן :

לשחוק אמרתי מהולל ובפרט כי הכא שמצות עשה שזמן גרמא הוא לשמוח בפורים ויבאו וישחקו לפנינו הנערים. זקנים ובחורים ואיידי דאמרי רבנן כל המועדים יהיו בטלים חוץ מחנוכה ופוריי ומצוה לבסומיי עד דלא ידע בין אסתר ומרדכי ברוכים וזרש והמן ארורים לכן לבלתי יהא אות זה נעדרת כתבתי זאת למשמרת לדורי דורות לספר את הנס הזה בשפַתי ברורות. ומיין שכורת ונכנס יין יצא הסוד לספר תפארת והוד בזה המועד לעולם ועד אמן :

# איין שיין פורים שפיל

**סופר**

גליק צו גליק צו
עש מאג זיין היר אבר ערגנט אנדרשטוואו.
היר בייא היר בייא.
איר ערליכה הערין ווערט שויאן וואש נייא.
נייא אונט מער.
וויא איין קוניג ווערט קומין איין הער.
קיניג אחשורש איזט ער גננט .
הונדרט אונ זיבן אונ צוואנציג לענדר האט ער אין זיינר הנט .
דיא לענדר אונ דיא שטראסין .
דאש איזט איין ציל אן מאסין .
דז ער דיא לענדר האט טון בצווינגן
דאש ווייש איין יעדר מאן דער פון צו זאגין אונ׳ צו זינגן .
אויך המן אונ׳ מרדכי דיא צווייא .
ווער האבין מיט נגדר איין רמור אונ׳ גרוש גשרייא .
דרוםאויך רוימט אוש רוימט אוש .
אונ׳ ווערפט דיא שטיב צום פענצטר הנויש .
דיא טיש אויף דיא בענק .
דיא ביכר אויף דיא שענק .
דיא הון אונטיר דען האן .
ווייב אונטיר אירן מאן .
דיא מייד אונטיר דען קנעכט .
אלז דען גישיהט איר רעכט .
אויך איזט דאש קיין ער אונ קיין רעפודאציאן .
דז מאן דען קינג לעזט לנג דרוישן שטאן .
אונ׳ נוט וועגדיג שנאל לאזין הריין גאן .
דרום אויך הריין הריין .
אלי דיא דרושין זיין :

**עד כאן הסופר**

**המן**

אוסטראגי אוסטראגי .
אלי יודי בי באגי .
אלי יודע גאס .
אלעסטר המן אמש .
הער בטצר המן בין איך גננט .
אין אלי ביברייא בין איך גאר וואל בקאנט .
שרייבר מיר וועלין זינגן טישכן טענר אוב באס .
דיא שטובין זאל קלינגן גלייך סאם איין הול פַֿאס :

**סופר עונה ואומר**

המן טישכן טעניר באס וועלין מיר זינגן.
אז אלי בעקין ווערדן קלינגן :

**עד כאן סופר**

**המן**

איין גליק זעליגן אבנט זאל אייך גאט געבין .
אונ איין גליק זעליג יאר דער נעבי .
איך וויל אייך זאגין מיין בגער.

וואש אורזאך הלבין איך בין קומין איין הער.
דען דיא בליץ בשניטנה העברייער.
קען איך גאר ניכטליידן.
אירן הלבין מוז איך דיא וועלט מיידן .
דער בעשט פון אין איזט ווערט.
צו ריכטן מיט דעם בלושין שווערט .
דאר בייא ווער איך גאר וואל בפינדט .
דרום לאז דער קינג הריין גין גשווינט .
הריין הריין .
אלי דיא דרוישן זיין :

**עד כאן המן**

**התוך**
באנוס דיעש איר הערין אלי צו גלייך .
ער מאג זיין ארם אדר רייך.
גרוש אונט קליי .
אויך אלי גמיין .
הערין זאגין מיין בגער.
נאך וואש איך בין קומין איין הער.
התוך בין איך גננט.
בייא דען קינג אחשורש בין איך גאר וואל בקאנט .
דרום אויך אויף זייט.
איר ליבן לייט.
הריין הריין.
אלי דיא דרוישן זיין :

**עד כאן התוך**

**משוררים**
מיר טרעטין הריין .
גאר היפש אונט גאר פיין.
מיר וועלין בייא דען אידלן קיניג און קינגן דינר זיין :

**המלך בא וסופר אומר**
אידלר הוך גיבארניר קינג מיין.
אין דער גנצין וועלט קאן זיין גלייכן ניכט זיין.
מיר האבין אין איין שטול גשטעלט.
ער זעצי זיך וואו עש אין גיפעלט.
ער טרעט נור וייטר הריין.
אלהיר שטיט הינר אונט פיש אויך שפאנישה וויי .
ויין אוב פיש .
שטיט ניקש אויף דען טיש :

**שיר כולם**
ער זייא וויל קומין הוך גיבארניר קינג מיין .
אין דער גאנצי וועלט איזט זיין ניכט זוא פיין .
היא הער זעצט אייך.
אויף דען שטול דאש קינגריי .
אין דער גאנצי וועלט פינדט מאן ניט גלייך :

**מלך**
גאט גריס אייך איר הערין פרויאן אונט מאנין .

שאונד אל דיא היר זינד בייא זאמן .
גרוש אונט קליין .
אונד אלי גמיין
ארם אונט רייך .
אלי צו גלייך .
איך וויל אייך זאגין מיין בגער .
וואו צו איך בין קומין אלהער .
קינג אחשורוש בין איך גיננט .
הונדרט . און זיבן אונ׳ צוואנציג לענדר האב איך אין מיינר הנט .
דאש איך דיזה לענדר האב טון בצווינגן .
דאפון ווייש דאך איין יעדר צו זאגין אונ׳ צו זינגן .
איך האב אויך איין מאל צייט גימאכט אויף גרוש אונט קליין .
אונט אלי גמיין .
העברייער זיין אויך דא זעלבשט גזעשין .
פון אונזרין שפייז האבין זיא ניכט וואלין עשין .
אבר דאך האבין זיא גטרונקין דען ווין .
דא דורך האבין זיא זיך גישפט ביטרה פיין .
וויא איך מיך אבר לוסטירטע אין דען ווין .
בפאל איך מען זאלט ברענגין דיא קינגן נקט הריין .
דוא זיא האט אנט באטין שפעטשע ווארט .
זוא בלד בפֿאל איך . זיא זאלט ווערין דער מארט
דרום אויך דוא גטרייאר דינר ממוכן .
איך שאף דיר דוא זאלשט מיר איין היפשה יונג פֿר זוכין .
דיא פיל היפשר ארג בעשר אלז ושתי וואר .
פון אידלן גשלעכט גאנץ און גאר .
ווערט זיא מיר זיין עבין .
דיא קרון פון מיין הייבט וויל איך איר געבין
ווערט זיא מיר וואל גיפאלין .
פר וואר איך וויל זיא ערין אונטיר דענן יונג פרויאן אלין

**עד כאן מלך**

**המן**
שרייבר דא האשטו דאש פאטשיר פון דאש קינגש זיין הנט .
צו פאטשירן אין אלי לאנט .
דוא זאלשט אויך וואקיר אויש שרייאן אונט אויש רופין .
מען זאל דען קינג איין היפשה יונגפֿאר זוכין
דיא פיל היפשר אונט בעשיר אלז וושתי וואר .
פון אידלן גשלעכט גאנץ אונט גאר .
ווערט זיא אים זיין עבין .
דיא קרון פון זיין הייבט ווערט ער איר געבין .
ווירט זיא אים וואל גיפאלין .
פֿר וואר ער ווירט זיא ערין אונטיר דען יונג פרין אלין .

**עד כאן המן**

**ואחר כך סופר מכריז**
פריד צו אייך איר הערין פערשטן אונ׳ גראבין פרס ומדי .
עש זייא קריסט אבר יהודי .
דא האב איך דאש פאטשיר פון דאש קינגש זיין הנט .
צו פאטשירן אין אלי לנד .
אונט אויש שרייאן און אויש רופין
מען זאל דען קינג איין היפשה יונג פר זוכין .
פיל היפשר אונ׳ בעשר אלז וושתי וואר .

פֿון אידלן גשלעכט גנץ אונט גאר .
ווערט זיא אין זיין עבין
דיא קרון פון זיין הייבט ווערט ער איר געבן .
ווירט זיא אים וואל גיפלין .
ערין וויר ער זיא אונטר דען הערן אלין .

**עד כאן הסופר**

**המן בא**
אליר הוך גיבארניר קינג .
לעבין זאלט איר אימר אונ אביג .
איך האב הערין אוש שרייאן אונד אויש רופין .
מען זאל דען קינג איין היפשה יונג פאר זוכין .
ווייל איך האב אבר דיזש פר נומין .
בין איך מיט ער לויבנש צום קינג הריין גיקומין .
אונ׳ וויל אין איין יונג פֿר אויש זוכין .
דיא אין ניט ווירט שעלטן נאך פלוכין .
זונדרין זיא ווירט טאן זיין ווילן בייא טאג אונ בייא נכט .
גלייך וויא עש דער קינג גערין מאכט .

**מלך**
המן דוא זאלשט אין מיין דינשטן פר בלייבן .
ווען דוא ווירשט דיזה זאך טרייבן
ווירשט דיך אבר וואל פֿיר זעהן .
אויף דאש בעשטי דז עש קאן גישעהן .

**המן הולך לחוץ וחוזר ובא**

**ואומר המן**
אליר הוך גיבארניר קינג .
אין דיזן זיין דינשטן בין איך גיוועזין גאר פלייסג אונ׳ בגירג .
איך בין גלאפין טאג אונ׳ נכט .
ביז איך האב איינה צו וועגן גיבראכט .
מיט אירן נאמין הייסט זיא וואל אסתר .
אבר זיא וויל ניכט זאגין ווער דא איזט איר ברודר אדר איר שוועסטר .
דער צו נאמן איזט הדסה דאש איזט אלז וויא איין סאלבין בלאט טוט זיא שמעקן .
פֿר קיין אנדרין מענשין טוט זיא איר גיזיכט אויף דעקין .
הין גיגן פר דען קינג וויר זיא זיך וואל אנט פלעקין .
היר דארט וואו עש אין ווערט וואל שמעקין

**עד כאן המן**
**עומד מרדכי על הפתח ועונה:**

**מרדכי**
יא יא איך וועלט אויך גערין דראן לעקין

**וחוזר ואומר להתוך בתוך הפתח**

**מרדכי**
פריעה פריעה צוועלף אונ׳ נייציג פריעות . איבר דען שניידר איבר דען קעסיל פליקר. איבר דען שטרימפף שטריקר. איבר דען העבנר . איבר דען מויארר. האבין מיין פרויאמיין איך דיא טיר דאש לאך צו ענג גימאכט וויא קום הריין פורת משה אין דער מייד מיין איך אין דיא טיר. גיא איך זוא ריין ער איזט מיר צו קארץ אב גשניטן גיא איך דאן זוא ריין ער איזט מיר צו שמאק שמאק זאל

איך זאגן שמאל . פומפיר לגפן וויא קום איך דען הריין :

**התוך**
מרדכי אלטר נר דיא נאז נאך

**מרדכי**
וואו וואונט דען דיא נאז גיא הער לאז דיך איין ווינג אן זייכן
וואו בישטו התך.
למה נקרא שמו התך .
דר אור זאך איין גאנצי וואך .
און לעק מיך אין ארש לאך

**ובא לפתח ואומר**
גוט פורים ניט קליין פורי׳ נור גרוש פורים לשנה טובה תכתבו איין שטינקדינר
בראטין גנב וואו וואנט דער כלב זאל איך זאגין דער מלך

**עונה התוך**
אויף דען טיש :

**מרדכי**
דוא זאלשט ניט זיין פריש

**התוך**
אויף דער בנק

**מרדכי**
דוא זאלשט ווערין צום טוט קרנק :

**התוך**
אלטר נאר ער האט קיא פֿ̄אל

**מרדכי**
זאג מיר דאך וועלכיש איזט דער מלך

**התוך**
דאש איזט דער מלך

**מרדכי**
נוא איזט דאש דער מלך מוז דאש דער קנעכט זיין . נוא זייא מוחל אב
ציא מיר מיין שטיבל אויש

**התודך**
נר דאש איזט דער מלך

**מרדכי**
מלך דיר דען שליק מיר דען אפפיל
דיר דען ציפל צאפיל .
דוא ווערשט האבין אין בעט מיט דער מלכה איין גרוש גראפל .

**מרדכי**
מלך לעבין איך האב גיהערט אויש רופין .
מען זאל דיר איין היפשה יונגה פור מיין איך איין יונגה הור אדר זאל איך זאגין יונפר זוכין
איך אבר האב ניט גרואט טאג און׳ נכט .
אונט האבי איין זויברש מיידלה גימאכט .

זאל איך זאגין גיאכט .
קאנשט וואל דענקין ווען עש וואש היפש ווער זוא וואלטי איכש פר מיר בהלטין .
איך וויל זיא אבר ניט פיל לויבן .
זזיא איזט פויל פון אונטין ביז אובין
בראש .
האט זיא איין גשטלט גלייך איין פֿראש .
איין נאז .
אלז איין האז
איין מויל
אלז איין גויל .
איין שטערן .
אלז דאש הינטר גשטעל פון איין בערן .
ארין .
אלז איינה איזל הינטן אונט פֿארין
איין פֿאר דיטן
ווער דא וויל קאן זיא ניטצן .
מלך אלזו זאלשטו לעבין .
דוא מושט מיר שדכנות געלט געבין .
דוא ווערשט דאך קליינה פרייד אן מיר דער לעבין

**מלך**

המן אונט מרדכי גיט מיט נגדר שפצירן .
אונ׳ ברענגט מיר דיא היפשה יונגפר צו פירן .

**מרדכי**

גשווינט אי אים דער חשק פר גיט ווארט איך גנבים איך האב דען קינג
איין גרוש געהיימנש צו זאגין

**וצועק באוזן המלך**

זיא ווערט זיך הינטר זיך ביטאן .
דוא ווירשט ניט קענין גרייפן דראן

**ומנגנין בביאת המלכה כמו למלך לעיל דף א עב והתוך והמן מעמידין את המלכה לפני מלך**

**והמן אומר**

אליר אידל הוך גיבארניר קינג דיא יונג פר טוא איך פר אין שטעלין
אוב זיא ווירט אין וואל גיפעלין :

**מלך**

דיא יונג פר איזט מיר עבין.
דיא קרון פון מיין הייבט וויל איך איר געבין.
זיא טוט מיר גאר וואל גפלין .
פר וואר איך וויל זיא ערין אונטיר דען יונגפרן אלן :

**מלכה**

אליר אידל הוך גיבארניר קינג איך בין ניכט ווערט דער עהרין .
דז מיך דער קינג זאלט צו איין יונג פר ביגערין .
דען דער קינג איזט פון הוכין גשלעכט .
איין ארמה ווייזן צו נעמין איז ניט רעכט .
דרום בלייב דער הוך גיבארני קינג בייא זיינר ערין .
אונ׳ מיך ניכט צו איינר קינגן ביגערין :

**מלך**

פר וואר דיא יונגפר איזט מיר עבין

דיא קרון פון מיין הייבט וויל איך איר געבין :

**משוררים**

איר זאשט אייך . איר זאשט אייך
אלי אידלה הוך גיבארני קינגן רייך .
אין דער גאנצה וועלט אין דער גאנצי וועלט פינדעט מאן אירר ניט גלייך

**ולוקחים כולם הכתר ומשימם על ראשה ומנגינים**

מיר ווען דיא קינגן בקרינן :

**מרדכי**

מיר וועלין דיא ארשל פישרן בקרינן :

**משוררים**

דער ליבה גאט זאל זיא בשינן :

**מרדכי**

מען זאל איבר איר וויינן :

**משוררים**

אסתר דיא קינגן איזט זיא גיננט .
הונדרט אונ׳ זיבן אונ׳ צוואנציג לענדר האט זיא אין אירה הנט .

**מרדכי**

ארשיל פישרן איזט זיא גננט .
הונדרט אונ׳ זיבן אונ׳ צוואנזיג פלעדר ווישן האט זיא אין איר הנט .
אונ קערט אויש דאש גנצה לנד

**ומנגנין**

גלובט זייא גאט .
פריא אונ שפאט
דער אונש דיזה קינגן געבן האט .
ער וואלי איר פר לאנגין דאש לאנגי לעבין .
נאך דעם אז עש איזט עבן .
דאש וואלי ער יוא געבין .
אין אונזרין טאגין .
דרויף וואלין מיר אמן זאגין :

**מלך**

מרדכי דאש שענק איך דיר .
דוא זאלשט זיצן הינטר מיין פפורטין אונ׳ טיר .
אונ זאלשט זוא וואל ריכטן ארם אז רייך .
אלי גלייך .
אויך זאלשטו אויש שפרעכין איסור והתר .
אין דער גמרא מסכתת קרטין מיט זעקש אונ׳ דרייסיג בלעטיר .

**מרדכי**

איין גרושין דאנפף אונ איין קורצין רוח .
אונ איין לאנגין פלוך .
אונ׳ איין אלט פאר פעשטלענץ איין גמאכט אין איין שנופף טוך .
דאש שענק איך דיר פר איין ימר מרק
זאל איך זאגין יאר מארק

**מלך**
המן דאש שענק איך דיר .
דז זיו איין יעדר זאל נייגן אונ׳ בוקין פר דיר .
דא האשטו דאש פאטשיר פון מיינר הנט .
צו פאטשירן אין אלי לנד .
אונ׳ זאל וואקיר אונ׳ אויש רופין טאן .
דאש זיך פר המן זאל בוקן איין יעדר מאן .
ווער זיך אבר ניט ווערט נייגן און בוקין .
דען זאל מאן איין שלאגין זיין שעלמשין רוקין :

**עד כאן המלך להמן**

**המן**
שרייבר דא האשטו דאש פאטשיר פון קינגש זיין הנט .
צו פאטשירן אין גנצין לאנד
איך אויש שרייאן אונט אויש רופין
דז זיך איין יעדר זאל פר מיר נייגן אונ׳ בוקין .
ווער עש אבר ניט טוהט .
דען זאל מען איין שלאגין זיין שעלמשן רוקין

**סופר**
פריד צו אייך .
איר הערן אונט פירשטן פרס ומדי .
עש זייא קריסט אדר יהודי .
אונט אויך אלי קינג רייך דער בייא .
היר האב איך דאש פאטשיר פון דעש קינגש זיין הנט .
צו פאטשירן אין אלי לאנד .
אונ׳ זאל וואקיר אויש שרייאן אונט אויש רופין טאן .
דאש זיך פר המן זאל בוקין יעדר מאן .
ווער זיך אבר ניט ווערט נייגן אונ׳ בוקין
דען ווירט מאן איין שלאגין זיין שעלמשין רוקין :

**המן זאגט צו דען דרומיל שלעגיר**
שלאג מיר דען מארש :

**אונ גיט דרייא מאל אונ זאגט**
בוקט אייך בוקט אייך :

**המן**
מרדכי דוא אלטיר נר בוק דיך

**מרדכי**
איך שלאף :

**המן**
בוקט דיך דוא אלטיר נר
**מרדכי**
איך בין ניט צו הויז

**המן**
בוק דיך אלטיר נר זאג איך דיר :

**מרדכי**

דו דרפשט אזו ריין גין ניט בוקין .
דיא הינטר טיר שטיט שפער ווייט אפין

**המן**

מרדכי ווערשטו דיך ניט בוקין
פר וואר איך שלאג דיר איין דיין שעלמשן רוקין :

**מרדכי**

אוויא אוויא וויא זאל איך מיך פר דיר נייגן אונט בוקין .
דוא האשט איין קרייץ אויף דיין רוקין .
הינטן מוזטו מיר גיין קוקין
און אויך איזט ניט רעכט .
דז זיך דער הער זאל בוקין פיר זיין קנעכט .
דוא דיב גדענקשטו ניט אין דיינר נוט .
דוא דוא האשט דיך צו מיר פר קויפט אום איין שטיק ברוט .
איך וועלט דיר גערין דען קויף בריף ווייזן .
ער שטעקט מיר אין אלטין טענדיל מארק אז איין אייזן .
ווילט דוא דיך אבר במיאן .
קענשטו אין מיט דיא צעהן אויש דען הינטר לייב הרויש ציהן .

**המן**

מרדכי דא שווער איך דיר איין אייד .
דיא בליץ גארשטיגה ריד זאלין דיר ווערין לייד
צו מיין אידלן קינג וויל איך זיין ברייט .
צעהן טויזנט צענטר זילבר וויל איך געבין
פר דיין שעלמן לעבין

**מרדכי**

זיך וויא ער זיך זוא גרוש מאכט האשטו דאש הערץ גיב מיר פר איין פפעניג
קליין געלט :

**המן**

ניכט אבר פר דיין אליין
זונדרין פר אלי שעלמן יודן גמיין .

**אחר כך כורע ואומ׳ מסירה**

אליר אידלר הוך גיבארניר הער אונט קינג .
זיין קינג רייך זאל ווערין אימר אונט איבג .
ער וואלי זיך בליבן לאשן צו אויף מערקין מיין זאג .
פר איר דורך לייכט האבין עש ניט גהערט זיין לעב טאג .
איין קליינה זאך וויל איך איר מייאשטעט פאר טראגין .
איבר איין דיב אונ׳ שעלמש פאלק וויל איך אייך קלאגין .
דאש זעלבגי פאלק איזט אין איין לנד שפט איבראל צו שטרייעט .
צו אלי שעלמרייא זיין זיא וואל ברייט

**מלך**

ווער זיין זיא :

**המן**

יודן מושל בעשטיה בשניטנה העברייער זיין זיא גננט .
אין אלי בטריגרייא זיין זיא גאר וואל בקאנט .
ערשטליך אלי זיבן טאגין טוני זיא שבת מאכין .
אונ׳ טונין אונש אויש שפעטן אונ׳ אויש לאכין .

איין הלבין טאג .
בלייבן זיא אין דער סינגאג .
אונט בעטין אונט שרייאן
גאט וואלי דען קינג אלש אום גליק פר לייאן .
אונ׳ וועו זיא דאש האבין פול בראכט
לויפן זיא הרויש מיט גרושר מאכט .
אונ׳ טואין ניקש אנדרש אלש פרעסין אונט זויפן
אבר אום געלט טואין זיא ניקש קויפן
אונ׳ זאגין מורגין וועלין מיר שון איין פויארן דר לויפן
אונ׳ לאזין דיא קריסטן איר פייאר שירן .
אונ׳ זאגין מיר דרפין עש ניט אן רירן .
אויך ווען אינן גלייך דער קינג טוט איין ארבייט אן ביטן .
זאגין זיא מיר מוזין אונזרין שבת היטן .
אבר אן זונטאג פריא טואין זיא אויף שטין .
אונד אויף דען מארק גין
אונ׳ הין אונט ווידר לויפן .
אונ צו פרעסין איין קויפן .
בקומין זיא אבר איין פויארן
דען טואין זיא גאר וואל אויף לויארן
אונ׳ זעהן דאש זיא זיין געלט קריגן .
אונ׳ טואין אין זער בטריגן .
אונ׳ וועו דער פויאר זעלט עטוואש מערקין .
טואין זיא זיך שטערקין .
אונ׳ שווערין איין יודש היידרנייאש אייד
דאש זיא אין ניט האבין בטרוגין מיט איין ראק אדר איין קלייד .
אויך טואין זיא זיך פון אונש מיידן .
מיט עשין אונ׳ טרינקן אדר קליידן
אונ׳ זאגין דאש איזט שעטנז אונ׳ כלאים .
אויף דען קינג זאל קומין חולי מעים .
אונט אויך אלי פיר וואכין .
טואין זיא נייאן מאניט מאכין .
אונ׳ אונש קריסטן אויש שפאטין אונ׳ אויש לאכין .
אונ׳ שטעלין זיך אין אלין עקין .
אונ׳ שפרינגן אלז וויא דיא בעקין .
אונ׳ זאגין ברוך יוצרך היידרנייא .
ברוך קונך שעלמכייא .

**מרדכי**
דיין קאפף אויף דרייא

**המן**
אם פרייא טאג טונין דיא שעלמן פריא אויף שטין
אונט טואין אויף דען מערק גין .
ערשטליך אבר טוט ער זיך מיט דען צעהן גיבאט אום ווינדן .
דערנאך זעהט ער דז ער מעכט איין קריסטן פינדן .
גאר וואקיר טוט ער אים בשייסן
וועו עש דער קריסט ער פארט . מעכט ער צו רייסן .
דער נאך שווערט ער בייא דען צעהן גיבאט .
דש ער אין ניט בטרוגין האט .
דער נאך טואין זיא רום הער לויפן
אונ׳ טואין פיש אויף דען שבת איין קויפן .
אויך קיין הון קיין גאנז איזט אינן ניכט צו טייאר .
אויף דען אבנט שרייאן זיא גלייך וויא דיא אום גיהייאר .

ויכולו השמים
דער קינג זאל האבין ששה חלאים .
אויף ידים אונ רגליים .
הארץ וכל צבאם .
דער קינג זאל ווערין קרום אונט לאם .
אן מאנטאג אונ דאנרשטאג טואין זיא ווידרום פריא אויף שטין .
אונ׳ אין אירה סינגאגן גין .
אונ׳ נעמין איר צעהן גיבאט
אונ׳ האבן אויש דען קינג איין גרוש גשפאט .
אויך ווען איינר פון אונש טוהט אירן ווין אן רירן .
אלזו בלד ווערדען זיא עש שפירן .
אלזו טואין זיא אים ניט גניסן .
אונ׳ דעם זעלבן אויף דער ערד אויש גיסן .
אונ׳ זאגין דער ווין איזט נסך .
המן זאל ווערין איין בכרה אויף פסח .
אבר ווען עש מעכט איין מוק דריין פלין .
דען טרינקן זיא אלין .
אונ׳ ווערפין דיא מוק הרויש
דען ווין אבר טרינקן זיא אויש .
אונ׳ צו אכטאגין טונין זיא דיא מיידלך זאל איך זאגין דיא בובין דיא שווענץ אב שניידרן :

**מרדכי**
אידלר קינג וויא איין ליגנר איזט דאש האבין דיא מיידלך שווענצליך.

**המן**
יא :

**מרדכי**
איך וויל עש בלד גיוואר ווערין . איך וויל זוכין

**והולך אצל הבתולות ומבקש**

**המן**
נר דיא בובין טואין זיא בשניידן .
אז זיא טואין גרושי שמערצן ליידן .
אונ׳ זאגין דאש איזט איין צייכן .
דז דאש קינד ניט זאל פון גאט אב וייכן .
ניכט דאש אליין
אבר זונשטן שעלמן שטיק דיא אן אין זיין .
אלי זיבן טאג טונין זיא שבת מאכין .
אונ בעטין גאט זאל זיין קינגרייך צור ברעכין .
וואש זיא דיא גנצי וואך טונין דיא קריסטן אב לויגנן אונ׳ אב שווערין .
דאש טונין זיא אם שבת פר צערין .
אונ׳ ווען דער קינג זעלט פערנר נאך זוכין .
וויא זיא אין שעלטן אונ פלוכין .
אויך ווען דיא העברייישה יודן ווייבר ליגן אין דיא זעקש וואכין .
דא עשין זיא ניקש וואש איר ווייבר קאכין .
אונ׳ זאגין מיר דרפין איין נדר ניט אן גרייפן .
אויך אויש קיין גלאז אדר בעכיר מיט עדר זויפן .
נאך אכט וואכין לויפן זיא אין דאש וואשיר עש מאג זיין נאך איין זוא קלט .
אונ׳ זאגין איך ווער מוזין בייא מיין מאן שלופין בלד
אונ׳ זאגין איין הלבי שטונד קאלט איין גנצי נכט ווארים .
היינט ווער איך ליגן בייא מיין מאן אין ארם .

איין הור שטושט דיא אנדרה אינש וושר .
און׳ זאגט גיא הין דוא בישט כשר .
על הטבילה .
איך ווינש דיין מאן זאל האבין איין גרוש מילה .
און וועןן זיא אויש דען וואשיר קומט זאגט זיא יוא מיין ליבר מאן .
גרייף מיר דראן .
וויא עש איזט מיר זוא קלט .
דרום מאך עש בלד .
דוא האשט גנוג לנג גיוורט .
איך ווייש דיין מילה איז שון הרט .
וועןן זיא נון אין דאש בעט קומין .
טואין זיא מיט נגדר ברומין .
זאגט זיא יוא מיין ליבר גומפיל
דוא האשט איין גרושין הומפיל .
דואווירשט מיר מאכין אין בויך איין גרוש גרומפיל .
און רעדט אים אלזו איין .
ער זאל איר מאכין איין היפש קינדליין .
אונד אויך דער מרדכי דער דא זיצט אין טאר .
דער וויל מיך ניכט הערין גאנץ און גאר .
איר מייאשטעט זיין גיבאט טואין זיא גנץ און גאר ברעכין .
אויך אונזיר פייאר טאג פר שוועכין .
טוט זיא דער קיניג איין ארבייט אן ביטן .
זאגין זיא מיר מוזין אונזיר פייאר טאג היטן .
פיל מין .
דרפין מיר מיט קיין געלט אום גין .
וועןן זיא אבר אימנט ברענגט פארדרין זיא נאך מין .
דען שבת שטעל איך וואל צו פאר .
אבר זיא מאכין עש אלזו דאש גנצי יאר .
דז דער קיניג האט קיין נוצין פון אינן אום איין האר .
דען ערשטן מאנייט היישט בייא אינן אפריל .
דא האבין זיא איין פייאר טאג היישט אושטרן דא בקין זיא קוכין .
דא טואין זיא דען קיניג שעלטן און פלוכין .
און׳ זאגין אכט טאג עשין מיר קיין ברוט .
אויף דען קינג זאל קומין דער טוט .
דען ערשטין אבנט זויפן זיא פיר בעכיר וויין .
אוג זאגין אויף דען קיניג זאל קומין דיא העלשה פיין .
אויך זאגין זיא דצך .
דער קינג זאל ווערין שוואך .
עדש .
דער קינג זאל קריגן דען פרש
באחב .
ער זאל ליגן אין דער טחב .
דען אנדרין מאניט מאייוש אויף העברייש אייר .
פירן זיא איר קנעכט און מיידן צו דער טיר
און׳ זאגין זיא זאלין זיך נאך איין אנדרין הערין אום זעהן .
וויא זאל דען קינג גישעהן .
דען דריטן מאנייט האבין זיא פפינגשטן .
און פלוכין אונש דען עלשטן און דען ינגשטן .
אויף העברייאש היישט ער שבועות .
און זאגין אויף דען קינג זאלין קומין דיא בועת .
און זאגין אין דיזן מאניט איז דער מאזיש גאנגין אויף דען בערג סני .
און גאט דער הער איזט קומין מיט איין גרוש גשרייא .
און׳ האט דיא צעהן גיבאט גיגעבין .

דער קינג זאל ניט לעבין .
דען פירדן מאניט יואלי האבין זיא איין פאסט טאג .
דא לויפן זיא אויף איר עלטרין גראב .
אונ׳ וויינן אונ׳ שרייאן אונ׳ ברומין .
איר מעשיש זאל קומין .
דען פינפטן מאניט אגוסטין .
האבין זיא גאר קיין לושטין .
ניין טאג אין דיזן מאנייט זיצן זיא אויף דער ערד .
אונ׳ זאגין איר טעמפיל איזט ווארדין פר שטערט .
דער קינג זאל אום קומין דורך דען שווערט .
איטלכר קליינר יודן מושל האט איין שווערט אונ׳ איין ביקס .
צו שעלטין אונ׳ פלוכין זיין זיא גאר פיקס .
דען זעקשטן מאנהייט סעפטעמבר טונין זיא אויף דען הארין בלאזין .
גלייך זיא זעלטין יאגין הירשן אונ׳ האזין .
אונ זאגין וואש זיא האבין דאש גנצי יאר שאלקייט גטריבן .
ווירט זיא דאש מאל צו גוט אן גשריבן .
דען זיבנטן מאנייט האבין זיא איר נייא יאר .
פר פלוכין זיא דיא קריסטן גאנז אונ גאר .
צעהן טאג אין דיזן מאנייט האבין זיא איין פאסט טאג .
דא זיין זיא גאר טרעג אונט צאג .
דען טאג צו פאר טונין זיא אבר פריא אויף שטין .
אונ טואין אויף דען מארק גין .
דיא הינר אונט געגז טואין זיא אוועק פון מארק טראגין .
אונ׳ טונין דיא זעלבגי׳ אום אירה קעפף צו איין כפרה הרום שלאגין .
אויך ווען זיא דען זעלביגן טאג איין קריסטן פינדן . .
פר ווער זיא טואין אים מיט שאלקייט אום ווינדן .
אונ׳ זאגין דוא זאלשט מיין כפרה ווערין .
דא מיט וויל איך דיך פר ערין .
איין גאנזין טאג טואין זיא פרעסין אונט זויפן .
צו אבנט טונין זיא אין דיא סינגאגין לויפן .
איין גאנצי נאכט אונ׳ איין גאנצין טאג האבין זיא דא זעלבשטן איין גשרייא
אונ׳ איז דאך ניקש אלז אייטל בטריגרייא .
אין פופצעהן טאג אין דיזן מאנייט טואין זיא איר לויבר היטן מאכין .
דז מען מוז דריבר לאכין .
אונ טואין אויף אירה בידן דיא דעכיר איין ברעכין .
עש מאג רעגנין אדר אויך שניאן בלייבן זיא דאך דרינן זיצן .
דז זיא מעכטין פר קעלט שוויצן .
אויך נעמין זיא דען זעלבין טאג דען פארדיס אפפיל אונ׳ טייטל בלעטיר .
אונ שיטלן איבר אל אין אלין ערטיר
אונ מאכין דא ריבר איין זעגין .
אונ בעטין דיא קריסטן זאלין ניט לעבין .
דען אכטין מאנייט פאנגין זיא ווידרום אן אויף דאש נייא אין דיא פינף ביכר מאזיש צו לעזין.
אונ האבין איין גרוש וועזין .
דען נייטן מאנייט נוועמבר דא האבין זיא גאנץ אכט טאג פייאר טאג .
דז דיא מעניר נאך ווייב ניקש ארבייטן מאג .
צו אבנט צינדן זיא אן פיל ליכטר .
צו גדענקין אן דיא אלטין גישיכטר .
אונ ווען אימנט קעם פר אירן הויז אונ׳ דיא זכין ווערין אים אום בקאנט .
מיינט ער דאש גאנץ הויז שטיט אין ברנד .
אין דען צעהנטן מאנהייט האבין זיא ווידר איין טאג איין טרויאר אונ פאשטין .
אונ בעטין דער קינג זאל ניט רואין נאך רסטין .
אונ זאגין אן דיזן טאג האבין איר עלטרין דיא פאשט אין אנדרין לענדרין גיהערט .
דז ירוזלם איזט ווארדין פר שטערט .

דען איילפטן מאנהייט וועלכיר גינענט וּוירט שבט .
דא מאכין זיא זיך לושטיג אונ׳ עשין זיך גאר זאט .
אונ׳ טאנצין אונט שפרינגן .
אונ׳ בעטין עש זאל דען קינג איבל גלינגן .
אין סומא דאש גאנצי יאר דורך טואין זיא ניקש אנדרש אלז עשין אונ טרינקן אונט ליגן .
אונ׳ טואין אונש קריסטן בטריגן
איר ביזה ווערק קען איך ניט גנוג פאן שטעלין אונ׳ פאר טראגין .
זיא זיין ניקש בעשרש ווערט מען זאלטי זיא דער שלאגין .
דען וויל איך האב דען קינג פארגשטעלט דאש גנצי יאר .
זינט זיא אים ניכט נוטץ אום איין האר .
גלייך וואל האב איך קיין מאנהייט קענין פֿענדין
דז איך דיא שעלמן קענט איבר ווינדן .
אבר אין דיזן מאנהייט מארציואש איזט איר רבינר מאזיש גשטארבין .
אלז דען האף איך זיא ווערדין קענין ווערדין פר דארבין .
דרום אויך צעהן טויזנט צענטר זילבר וויל איך גערין געבין .
אום דען שעלמן איר לעבין .
ניכט אום דען שעלמן מרדכי אליין .
זונדרין אום אלי יודן גמיין :

**מלך**

המן איך האבי פר נומין דיין זאגי .
פר וואר איך האב עש ניט גיהערט מיין לעבטאגע .
דרום דיא צעהן טויזט צענטנר זילבר זאל דיר גישענקט זיין .
אויך אלי יודן גמיין.
דא האשטו דאש פאטשיר פון מיינר הנט .
לאז אויש שרייאן אונט אויש רופין אין גנצין לנד
מיט שעלמייאן אונ טרומפיטן
דיא שעלמן יודן צו טיטן .
צו ער שלאגין מיט דען שווערט .
דען זיא זיין ניקש בעשרש ווערט .
דרייצעהן טאג אין דיזן מאנהייט זאל עשברייט ווערין
דז מען זאל קיין שעלמן ניט זעהן נאך הערין :

**המן לוקח את הטבעת מאת המלך ואומר לסופר דברי המלך וסופר מכריז**

פריד צו אייך איר הערין אונ׳ פערשטין פרס ומדי .
עש זייא קריסט אדר יהודי .
דא לאזט דער קינג אויש רופין מיט שעלמייאן אונ׳ טרומפיטן .
מען זאל אלי יודן טיטן .
צו ער שלאגין מיט דען שווערט
וייל עש דער קינג ביגערט .
דרייצעהן טאג אין מארצי זאל דיזש אן פאנגין .
וואו מאן איין יודן פינדעט זאל ער ווערין גהאנגין .

**המן למרדכי**

**המן**

אלטיר נר וויא שמעקט עש דיר

**מרדכי עונה להמן**

אוויא אוויא וויא בין איך גלעגין אונ האב זוא גשמאק גושלופין האט
מיך איין ביזר חומל גיחומלט . מיין איך איין ביזר טרוים גטרוימט איך ווערע
ניט צו הויז גיוועזין בין צו האצי פלאץ אויף דען פעדרן מארק גיוועזין . אונ׳
האבי איין זאק אלטי פעדרין גיהנדלט איז מיין זאק צו ריסן בין איך היים קומין
צו מיין ווייב זיא זאל מיר מיין זאק צו פליקן האט זיא מיר איין גרושין הילצרן

שלום עליכם געבין . אונ׳ האט מיך צו דער שטוב הרויש גשטוסין . זאגט זיא וואו האשטו דען זאק זאג איך ער איזט מיר צו ריסן . זאגט זיא האב דיר איין פעשטלענץ צו דען וויל קום וואש בישטו מיר ניטץ מיט איין צו ריסנן זאק . גיא צו דען ראך פאנג קאריר אדר צום שלט פעגר אונ׳ לאז דיר דאש לאך צו פליקן . אלזו בלד האב איך עש גימארקט דז עש איזט איין פומפרלה גזירה פר הנדין . גיא איך הרויש אין מיין שטאל שטיהט מיין רוטה קועה אונ אנטפאנגט מיך מיט דען שוואנץ מאכט זיא איין רעברענץ מיט דען לינקן פוס שיטלט זיא לולב מיט דען רעכטן קלאפט זיא אשמנו מיט דען הינטר לייב בלאזט זיא שופר אלזו בלד האב איך גיזעהן דז עש איזט בעוונינו הרביי ניקש גוטץ פר הנדין דרום בעט קינדרלך תשובה תפילה צדקה אברהם יצחק יעקב . מיט דען לעדרין תפילן זאק יהושיע מיט דען ביר ווידל דוא זאלשט דיא קינדר ישראל אין היילגן לנד פירן . שטיהט אויף טוהט אייערה הילצנה פאנטאפיל אן אונ׳ לויפט אין אל דיא הורין הייזר בעטעט דען עש איזט איין פומפרלה גזירה פר הנדין משה אהרן שלופט איר זוא שטארק אונ׳ האט ניכט גיהערט וויא מען האט אייערה קינדר פר קויפט .

הושיע וואו בישטו דוא האשט אונש גפירט אין היילגן לנד .
איצינד זינד וויר אין המן זיין הנט .
שטיהט אויף במהירה .
אונ זייט מבטל דיא גזירה :

**מרדכי הולך ובודק ציצית ואומר ציצה אחת פסולה והולך אצל הבתולות ומבקש בדדיהן והולך ומכריז מצות והולך ואומר כדברים האלה**

דרייא גראשין אום פיץ פאץ
זאל איך זאגין מצות :

**ומברך**

ברוך אתה אלה שעפסנה יוצרת
אלי קעלברנה סליחות
אלי מיידלך האבין דיטן .
דיא זעלבי טוא איך גערין ניצן .
כשם שנכנס לברית
המן זאל גין לשם שדים :

**מרדכי אומר סליחות**

**מרדכי**

סלח נא .
קשפר נא .
המן זאל נעמין איין פגירה .
אנשי אמנה אבדו .
המן זאל האבין קיין ראשט נאך קיין רוא .
קיין רוא זאל ער האבין .
זיין קאפף זאל מען אב שלאגין .
עש שלאגי אים גאט .
פריא אונ׳ שפאט .
שפאט אונט פריא .
דארט אונ׳ היא .
פולדר ליושב
המן זיין קאפף זאל ליגן אין מושב .
ויעבור .
אויף המן איין עבור .
ויקרא
אויף המן איין מקרה
איין מקרה אובן איין מקרה אונטין
איין היפש מיידלה אין דער מיטן .

דאש וועלט איך גערין דריען .
אמן :

**פזמון**

אתה חלקי צור לבבי
המן זאל צור ברעכין איין הנט אונ׳ איין פוס אונ׳ איין קניא .
מראש עד הברכיים
המן זאל האבן ששה חליים
המן דאש שענק איך דיר .
דוא זאלשט ווערין איין כפרה פר מיר
פולדר ליושב וכו כדלעיל ויעבור ויקרא

**פזמון אחר**

אתה למד דעת .
המן זאל שוויצן דען טודן שוואס .
דען טודין שוואס זאל ער שוויצן .
אויף אים זאל קומין דיא היצן .
דיא היצן זאל אויף אים קומן .
ער זאל פר לאמין אונ׳ פר קרומין .
פולדר ליושב כוי
איך טוא איין מאל אין קעליר גין .
איך זיך איין מאדלי שטין .
איך זאג צו איר .
קום הער ליג דיך צו מיר .
וויל זיא עש ניט טאן
גרייף איך איר דראן .
גרייף זיא אן בויך .
וואר זיא גאר רויך .
ליג איך זיא אויף דען רוקין .
אונ׳ פאנג אן צו דרוקין .
פולדר ליושב וכוי
חטאנו צורינו
סלח לנו יצרינו
אבותי כי בטחו .
וויא איזט מיר גאנגין צו
צו פארכהייט אויף דען מארק .
אנשיל אונ יאקב האבין קיפה גאר שטארק .
זיא זעהן שטיאן איין היפשה קוא .
וויא גשווינד לויפין זי דערצו .
זיא טעטין זיא פילן אונט אויך גרייפן .
איינר שפרעכט ליבר חבר מיר וועלין זיא קויפן .
מיר ווערין קיין קליינן רויח האבין נאר איין שטייפן .
שטייף קומין זיא אין הנדיל אניין .
זיא מעכטין איבר איין פאר טאליר ניט פון איין אנדר זיין .
דער פויאר גידאכט איך וויל מיך ניט לאנג שפארין .
ווייל איך האב פיר צווייא נרין .
נרין זינד זיא אלי צווין .
דען דיא קוא האט קיין צין .
פר גרושה אלטר קענט זיא ניט מער גין .
ווען זיא דאש העטין גוואושט .
העטין זיא ניט גיזעהן נאך דער ברוסט .
זיא האבין צו איר איין גרושין לוסט .
ווייל זיא האטי איין היפשה שפיץ ברוסט .

זיא איזט אזו ברייט אלז איין טעליר .
דיא קוא איז ניט ווערט איין העליר .
נור דען שינדר אין זיין קוך אונ קעליר .
מיט דען פלאנזין אוב פלימן .
טואין זיא זיך זער רימן .
זיא שעצין זיא אויף פפונפציג פונט חלב .
אבר מען מאג זיא ווערפין פר דען כלב
כלב איז טייטץ איין הונט .
וויא זיא אויף שניידן דיא שלונד .
קאמן זיא צו דען נאביל .
האט דאש קלב וואש זיא האבין גמיינט עש ווער אינצליט איין גרוש גצאפיל.
איז דאש ניט איין טמאה .
אטום ונסרך אין דיא ריאה .
אויך איזט דאש ניט איין מגפה .
דז דיא קועה איזט ווארדן טריפה .
טריפה איזט זיא גיווארין .
קיין חלב הינטן נאך פארין .
זיא איזט ניקש נוטץ פון הויט אונ פון הארין .
דאש פלייש קענין זיא ניט פר קויפן .
יאקב אונ' אנשיל מוזין אוועק לויפן .
איזט דאש ניט איין סחורה
שחינדיג אונ' מצורע .
מצורע אונ קרעציג .
שחינדיג אונ אויש זעציג .
דיא ביזה קרנקהייט האט זיא גיהט דער בייא .
אלי טאג איין שטונד דרייא .
אויך איזט זיא ראציג אויש דער נאזין .
הינטן אונט פארין טוהט זיא בלאזין .
זיא טונן זיא גשווינד צו הקין אונ צו בראקין
אנשיל אונ יאקב ריישן אויש פר לייד איר לאקין .
יאקב שפראך עש זאל מיר נימר גישעהן .
אונ' אנשיל זאגט איך וויל מיך איין אנדר מאל בעשר פאר זעהן .
מיר ווארין צו גשווינד .
מיר האבין דריין גקויפט וויא בלינד .
בלינד ווארין מיר מיט דיא אויגן .
דיא קוא ווערט ניקש טויגן .
דאש קלב פלארט אונ מארט .
אונ קאנט ניט גין פון דען זעלבגין ארט .
יאקוב טוט דאש בעשטי דאש ער קונט .
אונ טרייבט דאש קאלב גלייך איין הונט .
ער טוט עש הינטן בייסן .
דאש קלב טוט אין אין מויל שייסן .
איז דאש נאך ניט הלב
וויא עש וואר צו גאנגין מיט דען קלב
איין פויארן מוזין זיא ביטן .
ער זאל דאש קלב פירן אויף איין שליטן .
זיא מיינטן וואש צו פר דינן זיך זער לושטיג צו מאכין אויף פורים .
אבר עש ווארין גרושי יסורים .
עש גלוסט זיא ניט צו גין צו דער מגילה .
אויך טעטין זי קיין תפילה.
זכור.
צו מארגין קריגט דער תליון דיא עור .
ער היישט מיינשטר ווילעם .

יאקב אונט אנשיל ווארין בלינד אז בלעם
אשמנו איז טייטש איין זינד .
דאש העט יוא גיטאן קיין קינד .
צו קויפן איין קועה דיא דא איזט בלינד .
דברנו מיר האבין גירעט .
דיא קוא איזט פעט .
אבר היצונדר איזט אלש וועק .
המן זאל מיך אין ארש לעק :
על.
איך גיא גערין מיט דיא מיידלך אין שטאל .
חטא .
פיל ליבר אין בעט .
שחטאנו .
וועו עש גלייך ווער איין אלמנה .
לפניך .
איך מאך עש אין דער געכה
ענינו אברהם .
האט איין גרושה קראם .
מאכט אל דיא מיידלך לאם .
ענינו איצק
זיין זאך איזט זער שפיצג .
מאכט אלי מיידלך וויציג .
ענינו גדלי .
האט איין גרושין אלי .
מאכט אלי מיידלך כלי .
ענינו גומפיל
האט איין גראשין הומפיל .
מאכט דען מיידלך איין גרוש גרומפיל .
ענינו משה
האט עט וואש גרושה .
טוט אלי מיידלך מיט שטוסה .
ענינו מייאר
האט איין גרוש פאר אייר .
אלז איין טאר פון איין שייאר :
מי שענה לאברהם פוקס הוא יענינו .
מי שענה שמואל לעמבורגיר הוא יענינו .
מי שענה שווארץ אייזקל הוא יענינו.
מי שענה נאטה פוזנר הוא יענינו
מי שענה שמואל העס הוא יענינו.
מי שענה הירשיל וועלציר הוא יענינו.
מי שענה איצק קראקוויר הוא יענינו. אמן :

**מרדכי**
חי ומסי .
וויא בייסן מיך דיא פליא .
ממית ומחיה .
עש זאל המן איבל גדייעה :

**מרדכי**
נוא וועלין מיר איין ביסלה קינות זינגן
אש תוקד בקרבי
המן זאל צו ברעכין איין הנט אונ׳ איין קניא .
בצאתי ממצרים .

המן זאל קריגן חולי מעיים .
סאמט ששה חלאים
על הידים ועל רגלים :

**מרדכי**

קינדרלך מיר וועלין זמירות זינגן
כל מקדש שביעי
איבר המן איין קריעה .
מאדלה היב דיין העמד אויף .
איך וויל מיך ליגן דרויף
עד שבת בישטו איין מלכה .
ליכלה חומל דוא זיא להדליק נר מאך דיא ברכה .
ותכל כל העבודה מאך גוט דיא מלאכה.
להתענג בתענוגים ברבורים כ׳ קודש היא לכם
שבת איז דיא כלה איין מלכה .
אל תוך בתיכם
שבת צו נאכט מאכט ער דיא ברכה
בכל מושבותיכם .
זייא גומר דיא מלאכה .
בניכם אויף דיא בנותיכם .
דער עבד אויף דיא שפחה .
השומר שבת .
איז דאש ניט איין שפאס .
דער בן אויף דער בת
צו מנחה אם שבת
העם אשר נא .
קראצט מיר דען תחת אב .
יזכור לפקדו לעק מיר דיא שמועה
לבל יעבור בם .
המן זאל ווערין לאם .
כאשר נשבעת על מי נח .
המן זאל מען שפאלטין זיין מוח
אמן :
יונה פון פישלוויץ
ברענגט איין זאק פפלוימן
איך שטעק דען פינגר אין ארש .
המן לעק דען דוימן

**מרדכי**

קינדרלך מיר וועלין תהילם זעגין במהירה .
אונ׳ וועלין מבטל זיין דיא גזירה .
למנצח מזמור לדוד

**התוך**

מרדכי דוא זאלשט היים גין

**מרדכי**

ווער איז דער היים :

**התוך**

איין אלטי גויה :

**מרדכי**

וואש וויל זיא

**התוך**
ליינה טוך

**מרדכי**
וויא לאנג

**התוך**
אז איין שטאנג .

**מרדכי**
לאז זיא איין ויילה דרין

**מרדכי**
אל בית ה׳ נלך

**התוך**
עשין וועלין מיר קנידלך

**מרדכי**
קנידלך וועלין מיר עשן

**התוך**
דיא שמועה וועלין מיר מעסין .

**מרדכי**
מעסין וועלין מיר דיא שמועה

**התוך**
דאש איזט איין רפואה

**מרדכי**
איין רפואה איזט דאש מיר

**התוך**
ווען איך זעה איין היפש מיידלה שלאף איך בייא איר

**מרדכי**
קינדרלך מיר וועלין איין ווינג קדיש זעגין
יתגדל.
המן זאל צו שפרינגן דיא גאל .
ויתקדש
המן זאל ווערין חרש .
שמיה
המן זאל ווערין ווינד אונ׳ וויא .
רבא
דיא קינגן האט קיין חלק לעולם הבא .
על ישראל .
דער קינג זאל האבין אום גליק איבר אל .
ועל רבנן .
דאש תליות אויף המן זיין פנים
ודעסקין באורייתא
המן זאל קריגן דעש שייסן .
באתרא הדין

המן זאל קריגן דען שחין
ונאמר אמן
איין פעשטלענץ אויף המן זיין פנים :

**מלכה**

התוך דוא גטרייאר דינר מיין .
גיא צו מיין פעטיר מרדכי הריין .
אונ׳ טוא אין פראגין .
וואש דא בטייט דאש וויינן אונ׳ שרייאן אונ׳ קלאגין .
דאש קלאגין אונ׳ ברומין
דאש איז פר מיין ארין גיקומין

**התוך**

מרדכי דא לאזט דיך דיא קינגן ביטן .
דוא וואלעשט זיא בריכטן .
וואש בטייט דאש שרייאן אונט ברומן .
דאש זיא הערט אין ארן זומין
וואש איזט דיר צו גיקומין

**מרדכי**

אוויא אוויא וויא זאל איך ניט וויינן אונ׳ שרייאן אונט ברומן .
אזו פומפרלה גזירה איזט כל ישראל צו גיקומין .
דער המן דער ביז וויכט .
האט בייא דען קינג אויש גריכט .
דאש אלי יודן זאלין ווערין גשלאכט
אויך האט ער בייא אים טון ער לאנגן .
דאש איך זאל ווערין גהאנגן .

**התוך**

אלי הוך גיבארני קינגן אייר פעטיר מרדכי לאזט אייך זאגין .
וויא זאל ער ניט וויינן אונ׳ שרייאן אונט קלאגין .
דז המן דער ביז וויכט
האט בייא דען קינג אויש גריכט .
אונ האט טוהין ער לאנגין
אלי יודין אונ מרדכי זאלין ווערין גהאנגין
אונ האט צעהן טויזנט צענטנר זילבר טואין ועגין
אום דיא יודן איר לעבין

**מלכה**

התוך דוא גטרייאר דינר מיין .
גיא צו מיינם פעטיר מרדכי הריין .
אונ ברענג אים דאש קלייד ער זאל עש אן קליידן .
פיל לייכט מעכט ער בשירמט ווערן פר אלין ליידן

**התוך**

מרדכי דיא קינגן לאזט דיר זאגין .
דוא זאלשׁ׳ ניכט ודינן אונ שרייאן אונ׳ קלאגין .
אונ זאלשט דאש קלייד אן קליידן
פיל לייכט מעכשטו אונ׳ אלי יודן בשירמט ווערין פר אלי ליידן .

**מרדכי**

חייא בררייא וויא איין קלייד איז דאש זאל איך עש נעמין פר איין דלית עש איזט
מיר צו שמאק מיין איך צו שמאל צו איין פאר הוזין איזט עש צו קארץ גיא הין
לאז זיא זיך איר אונטיר העמד מיט פליקן אונ׳ לאז זיא גין צום קינג הריין .

און׳ לאז בעטין פר דיא גנצי יודן גמיין
דז זיא ווערדן בשירמט פון אירה ביטרה פיין :

**מלכה להתוך**
התוך דוא גטרייאר דינר מיין
גיא צו מיין פעטר מרדכי הריין .
און טוא אין דער בייא זאגין .
איך בין ניט גרופין ווארדין אין דרייסיג טאגין

**מרדכי**
ווארום ער האט גוויש פיל היפשרה הורין אז זיא איזט

**מלכה**
וויא זאל איך דען הניין גין אום בגערט
פיל לייכט מעכט איך גרעכט ווערין מיט דען שווערט .
דרום לאז ער איינש טאן .
און׳ לאז אין דיא שטאט שושן גאן .
און זאל פר זמלין קליין און גרוש .
און׳ זאל נעמין דיא צעהן גיבאט אין דיא שוס .
און זאלין פאסטין און בעטין .
אלזו וויל איך פר דען קינג טרעטין .
פיל לייכט מעכטן זיא ווערין אב גשיידן פון איר גרושין נעטין
אמן :

**התוך אומר למרדכי את דברי אסתר דברים כהווייתן ואחר כך הולכת המלכה אצל המלך והמלך מושיט לה השרביט ואומר לה**

**מלך**
אסתר מיין ליבש ווייב
דוא בישט דאש הערץ אויש מיין לייב .

**מרדכי**
זיכט אלי הער ער קריגט חשק

**מלך**
אסתר מיין ליבש ווייב זאג מיר דיין בגער .
וואו צו דוא בישט קומין אלהער

**מלכה עונה**
אידלר קינג דאש איזט מיין בגער
דז איך בין קומן אלהער .
דער קינג און המן זאל קומין אויף דיא מאל צייט .
דיא איך האב אן ברייט

**משוררים בניגון**
צו דער מאל צייט .

**מרדכי**
צום פרעסין דז זיא זאלין צו שפרינגן .

**ושוהים מעט ואחר כך אומר מלך על הסעודה**
אסתר מיין ליבש זאג מיר וואש איז דיין פר לאנגין .
ביז מיין הלב קינגרייך זאלשטו ער לאנגין .

זונדרין דאש האב איך פר שווארין .
צו בויאן דען טעמפיל אונ׳ זיין טארין :

**מלכה**

אליר אידלר קינג מורגין וויל איך אין זאגין מיין בגער
נאך וואש איך בין קומין אלהער :

**המן הולך ובונה עץ ואומר**

צעהן

**מרדכי**

ווינד אונ וויא זאל דיר גישעהן

**המן**

צוואנציק

**מרדכי**

דוא זאלשט דער שטיק

**המן**

דרייסיג

**מרדכי**

ברעך דאש גניק .

**המן**

פירציג :

**מרדכי**

אויף דיר אלי אום גליק

**המן**

פופציג אלין הוך איזט דעך גלגין ברייט .
פר דען שעלמן מרדכי אונ זיין לייט

**עד כאן**

**מלך**

שרייבר איך וויש ניט וואש דאש מאכט .
דז איך היינט ניט שלאפין קענין איין גנצי נכט

**מרדכי**

ער האט גוויש היינט איין גנצי נכט מיט דער מלכה גחומלט
דרום קען ער ניט שלאפין איבל זאלש אים בקומין

**מלך**

שרייבר טוא אין מיין קראנקי בוך זוכין .
פיל לייכט איזט אימנט דער מיך טוט שעלטן אונט פלוכין
דיא ווייל ער האט מיר וואש נוטץ גטאן .
אונ איך האב אים ניט גיגעבין זיין לון .

**וסופר מבקש לימצא ואומר מרדכי**

וויא דער נרשר שרייבר זוכט

**סופר**
אלטר נר וואו שטיט עש דען ווייז מיר

**מרדכי**
דיב אין דיא הוזין שטיהט עש . דער נר קאן ניקש לעזין

**סופר**
אלטיר נר ווארום בין איך דען איין שרייבר

**מרדכי**
נר וויא דאש איזט איין קינג זו בישטו איין שרייבר
אלז ביז אויף איירה לייבר

**סופר למלך**
איך האב אין דער קראנקי ניקש אנדרש קענין גפינן
אלז פון דען שעלמן מרדכי איזט וואש דרינן .
דז צווייא הערין האבן זיך בגעבין .
צו ברעעין דען קינג אום זיין לעבין
אונ מרדכי האט דיא זאך קונד גמכט
דא איזט אינן גישעהן איר רעכט

**מלך**
האט מאן אים ניקש דא פיר צו רעקומפענש געבין

**סופר**
איך ווייש ניט בייא מיין לעבין

**מרדכי**
יוא בויך רייען האב איך בקומין . איך וויל דאש זעלבי דען קינג אונ דיא קינגן
איבר לאשן :

**המן דופק אצל הפתח**

**מלך**
שרייבר ווער גוואר .
ווער אזו פריא קלאפט אן מיין טאר
**סופר הולך אצל הפתח**

**סופר**
ווער איז דיזר מאן
דער זוא פריא קלאפט אן :

**המן פותח את הפתח בעזות ואומר**

**המן**
המן איזט דיזר מאן .
דער זוא פריא קלאפט אן .
איין נייא צייטונג טוא איך ברענגין .
מען זאל דען שעלמן מרדכי הענגין

**סופר**
המן איז דיזר מאן .
ער האט בייא דען קינג וואש צו טאן

**מלך**
איזט המן דיזר מאן
לאזט אין שנעל הריין גאן .

**סופר**
המן אריין :

**בא המן ואומר**
איין גליק זעליגן מארגין
זאל דען קינג ניט זיין פר בארגין
אונ זאל האבין קיין זארגין

**מלך**
המן וואש איזט דיזר מאן ווערט .
דען דער קינג זיין עהר בגערט .

**המן מכה על לבו ואומר**
דיזר מאן איזט ווערט .
צו רייטן אויף דען קינג זיין בעשטש פערד .
אונ׳ פר אים אויף רופין אונט אויש שרייאן .
מיט טרומפיטן אונ׳ שעלמייאן .
דאש איזט דיזר מאן
דען דער קינג האט דיא עהר געבין צום לון .

**מרדכי**
דער נר מיינט זיך זעלבשט

**מלך**
המן דוא האשט מיין בשייד .
דוא זאלשט אלזו בלד זיין ברייט .
גיא אין מיינם שטאל
אונטר מיין פערדן אל .
אונ נעם מיין בעשטש פערד .
וויא זיך איין קינג אן טאג זיינר קרינונג גיהערט .
אויך דיא קינגליכן קליידר אונ׳ אויך דען שווערט .
אונ טוא עש דען מרדכין געבין
ווייל ער האט מיך בהלטין בייא מיינם לעבין .

**המן בנחת**
עש זיינן פיל יודן מרדכי גננט .
אונטר דען שעלמן בין איך גאר ווינג בקאנט .

**מלך**
דען מרדכי דער דא זיצט אונטיר מיין טאר
זאלשטו עהרין גאנץ אונ׳ גאר

**המן**
דער מרדכי איזט מיין פיינד .
וויא זאל איך אין ערין היינט .

**מלך**
המן לאז דיר ניט מער זאגין .
זונשט לאז איך דיר דיין קאפף אב שלאגין .

**המן הולך אל מרדכי ומנגן קינה בניגון**
אך מרדכי שעלמכייא .
דיין קאפף אויף דרייא .
אויך אויף פיר .
ווינד צו מיר אוגד וואל צו דיר .
דז דוא האשט זעלכש דער לעבט אן מיר .
אלז דיין שרייאן אונט וויינן .
האט מער גהאלפין . אלז מיין זילבר אונ׳ אידל גשטינן .
דרום שטיעה אויף פון דער ערד .
אונ׳ זעצה דיך אויף דאש קינגש זיין פפערד .
ווייל עש דער קינג האט בגעהרט .

**מרדכי**
אוויא אוויא וויא זאל דאש דער קינג ביגערין .
מיר אן צו טאן זולכי ערין .
אויך בין איך צוועלף אונ צוואנציג וואכין אין דיא עשין גזעשין .
אונ האב קיין בישן גיפרעשין .
איך קאן ניט אויף שטין .
אויך ניכט אויף מיין פיסן גין .
זאל איך דען אבר האבין דיזה ערין
זוא מושטו מיך פוצין אונט שערין .
אונ׳ מיין לייב קראצין אונ׳ וואשין .
דז איך ריין ווערדע פון דער אשין

**אמר המן למרדכי בחרי אף**
גנב וואו זאלשטו זעלכיש פון מיר ביגערין .
איך זאל דיך פוצין אונט שערין .
אזו לנג גיא איך בייא דען קינג אויש אונט איין .
אונ׳ היצונד זאל איך דיין בלבירר זיין

**מרדכי**
שוחק ואומר וויא זיך דער גנב שטעלט .
אלז ווען איך אין ניט קענט .
דאש ער איזט שון איין באד קראציר גיוועזין
היצונד מאכט ער איין גרוש וועזין .
עש טוט אין פר דריסן
מען זאל אין דער שיסן

**המן**
אלטר נר רייט זאג איך דיר

**מרדכי**
דר איין ווייל גנב איך וויל דיר איין פסוק זאגין לסוסתי איך האב מיין לעב טאג פיל שינר פפערט גריטן דאך קיין זעלכש וויא דוא בישט אז דער פסוק גיהט בהט איין שויבל ודר אונ איין דרין בעזין וסחרת אונ איין אובין גאביל ויש אומרים וסוחרת אונ איין איזל גשטאנק :

**המן**
אלטר נר רייט איין מאל

**מרדכי**
דר איין ווייל איך וויל דיר נאך איין פסוק זאגין

**המן**
וואש איזט דאש פסוק

**מרדכי**
שיינט וואל דז דוא קיין העברער בישט דאש איזט איין פסוק שחורה בישטו
נאך ניט פר שווארצט ווערשטו פר שווארצט ווערין .
אז דער פסוק גיט וויא דיר .
דיין קאפף פר דריא דיר .
היתה איז גווארין למס .
המן ליגט בייא דער גאס
און זאל שוויצן דען טודן שוואס
ונאמר אמן.
אלז ביז אויף זיין פנים
אמן

**המן**
אלטיר שעלמע רייט איין מאל

**מרדכי**
גנב איזט יוא קיין זאטיל איך ווער מיר איין וואלף רייטן .

**המן**
אלטיר גר האשטו קיין שפארין .
שטאק דיא נקבה מיט דען שוואנץ הינטן און פארין

**מרדכי רוכב על המן והמן מנגן בניגון קינה**
אך וויא וויא האבין זיך פערשטן און׳ גראבין פר מיר מוזין נייגן אונט בוקין .
היצונד מוז איך דען שעלמן ליידן אויף מיין רוקין
אך ווער מיין פראכט און׳ פראלין ניט גיוועזין .
העט איך פר שפארט דאש וועזין .

**המן מכריז**
דיזר מאן איזטש ווערט
וייל אין דער קינג צו ערין ביגעהרט .
עוד פעם דיזר מאן כוי

**סופר**
המן דוא זאלשט גין אויף דיא מאל צייט
וואש דיא קינגן האט ברייט
דוא ווערשט קריגן אלי לייד

**משוררים**
צום עשין :

**מרדכי**
צום פרעשין :

**עיין לעיל דף [...]**

**מלך**
אסתר זאג מיר אלהער .
וואש איזט דיין בגער .
מיין הלב קינג רייך

זאל דיר גשענקט ווערדין גלייך

**מלכה**

אן דאש קינג רייך וויל איך ניט גידענקין .
נור איך ביט דער קינג וואלי מיר מיין לעבין שענקין .
אויך טוא איך מיר ניט צו טרויאן .
צו בגערין דער קינג זאל דען טעמפיל בויאן
נור איך ביטע פיר מיר אונ מיין קינגליכן גשלעכט
דאש אינן מעכטי ווידר פארין דאש רעכט .
דאש זיא ניט ווערין גשלאכט .
דען איך אונ מיין פאלק זיין ניט אליין פרקויפט ווארדין צו קנעכט .
זונדרין צו ער שלאגין מיט דען שווערט .
דרייצעהן טאג אין מארצי זאל קיינר פון מיין ברידרן ניט ווערין גיזעהן נאך גהערט .
וויא זאלט איך דען שטיל שווייגן
ווען מיין פאלק זאלט קומין אין גרושה ליידן .
איך ווערדע האפין דער קינג ווערט דאש זעלביגי פר מיידן

**מלך**

ווער איזט דיזר מאן
דער דיזש פאנגעט אן
אונ׳ בגערט זעלכש צו טאן .

**מלכה**

אלהיר קיגן ווירטיג איזט המן דיזר מאן .
דער זעלכיש האט גיטאן
אונ׳ צעהן טויזנט צענטנר זילבר האט ער געבין
אום אל דיא יודן איר לעבין
אויך האט ער טאן ערלאנגן .
מיין פעטיר מרדכי זאל ווערין גהאנגין .
דאש איזט זיין לון .
וויל ער האט דען קינג בהלטין ביין זיין לעבין אונ בייא זיינר קרון

**מלך**

שרייבר איך וויל דיר וואש זאגין
פר גרושן צארין קאן איך מיין עשין ניט פר טראגין .
דרום וויל איך איין ווינג ווארטין .
גיא מיט מיר שפצירן אין מיין גארטין .

**והולכים יחד מלך וסופר והמן הולך אצל המטה לבקש את אסתר ומרדכי דוחף אותו ואומר**
ווארט גנב דוא ווערשט איין אוויר איין הנדלין

**המן**

אידלה קינגן איך וויל זיא גיבעטין האבין .
זיא וואלי מיר עש דאש מאל פר טראגין .
איך העט מיך אויך דיזה זאך ניט דער וואגין .
ווען איך העטע גווישט
דאש דיא קינגן פון יודן שטאם איזט

**סופר**

אידלר קינג ער זעה איין ווינג צו ריק
איין אויגן בליק .
המן טוט זיך מיט דער קינגן רינגן
פר וואר ער וויל זיא בצווינגן :

**המלך קופץ בחרי אף וחרבו שלופה בידו ואומר**
המן בייא מיינר קינגן האשטו וועלין שלאפין .
פר וואר מיט דיין לעבין וויל איך דיך שטראפין

**מלך**
שרייבר נעם אים בייא זיינה האר
אונ׳ הענג אים מיט דיא פיס קפור

**המן בורח ואומר**
ווייל איך זעהע עש ניט אום מיר .
מוז איך לויפן צו דער טיר .

**סופר והתוך תופשין אותו ומנגנין**
מיר האבן אין גיפאנגין
פר וואר ער זאל ווערין גיהאעין .
בייא דער קינגן האט ער וועלין שלופין
מיט זיין לעבין מוז מען אים שטראפין

**סופר**
המן האשטו דיא ריד פון דען קינג פר נומין .
דוא מוזט אן גאלגין קומין
אונ׳ ווען דוא נאך זוא פיל ווילשט געבין
קאנשטו ניט ווערין ער רעטעט פון דיין לעבין

**המן**
אך הער שרייבר דוא ליבר ברודר מיין
לאז מיר דאך דיא זאך גווערט זיין .
פר דען אידלן קינג וואלשטו מיך לאזין טרעטין
אונ פר מיין שווער ביטר לעבין בעטן

**סופר**
המן דוא ליבשטר ברודר מיין
דיא זאך זאל דיר אום גווערט זיין
פר דען אידלן קינג צו טרעטין
אונ׳ פר דיין לעבין צו בעטן

**המן כורע לפני המלך ואומר**
הוך אונט וואל גערטיר קינג מיין .
זיכט דאך מיינה ביטרה פיין
מיין צעהן קינדר זאלין בייא אייך דינר זיין
שענקט מיר נור מיין לעבין אליין

**מלך להמן**
המן גיא וועק פון מיר
אבר איך שטוס דיך צו דער טיר
שרייבר נעם אין אבאכט
וואש איך האב דיר גישאפט
נעם אים בייא דיא האר .
אונ הענג אים מיט דיא פיס קפור

**המן**
אך וויא וויא האב איין בשייד פון קינג גהערט .
איך זיך מיין טוד איזט מיר בשערט .

ווייל איך האב וועלין דען שעלמן מרדכי אום דש לעבן ברענגין
היצונד מוז איך הענגן ...
דרום אויך ליבר ברודר שרייבר מיין
לאז מיר דאך דיא זאך אום פר ווערט זיין
פר דיא אידלה הוך גיבארנה קינגן צו בעטין
פיל לייכט קענט איך מיין לעבין ער רעטין

**סופר**
המן דיא זאך זאל דיר אום גווערט זיין
פר דיא קינגן צו טרעטין
פר דיין לעבין צו בעטין

**המן כורע**
אלי אידלה גיבארני קינגן מיין
זיכט דאך מיין ביטרה פיין
לאזט אייך דונקן איך ווער איין וולד פיגליין .
אונ שענקט מיר דאך מיין לעבין אליין .
מיין געלט אונ׳ גוט וויל איך גערין געבין .
אום מיין לעבין צו איבר שטרעבין :

**מלכה**
המן גיא וועק פון מיר .
איך שטוס דיך צו דער טיר .

**מרדכי**
דוא מושט הענגין גנב

**המן**
אך וויא וויא האב איך איין בישייד פון דער קינגן געהערט
מיין טוט איזט מיר בשערט
דאש איך זאל גריכט ווערדן מיט דען שווערט
אונ׳ זאל קומין אין דער ערד
דרום אויך ליבר ברודר מיין
לאז מיך דאך צו דען שעלמן מרדכי הריין .
איך וויל פר אים טרעטן .
ער זאל פר מיין לעבן בעטין

**סופר**
המן דיא זאך זאל דיר אום גווערט זיין
פר דען מרדכי צו טרעטין .
אונ פר דיין לעבין צו בעטין

**המן כורע**
אך מרדכי זייא דיך דאך דער בארמן איבר מיין וויינן אונ שרייאן.
ווייל אין די צעהן גבאט שטעהט וון דיין פיינט פלט זאלשטו זיך ניט פרייאן .
דרום טוא פר דען קינג טרעטין
אונ כו׳ :

**מרדכי**
הני מילי
גשוועלין זאל דיין מילה
בייא איין ישראל .
אבר בייא איין גוי .

תדרוך מען זאל זיא טרעטין .
גנב איך וויל פר דיר בעטין

**והולך למלך**

קינג לעבין איין אנדרין גנב הענגט מאן אן איין שטריק אונ׳ אים לאז הענגן אן איין קעטין דער מיט אז ער ניט הרונטר פעלט אונט טוט זיך שאדין איין אנדרין הענגט מאן בייא דען קאפף אים בייא דיא פיס

**ואומר להמן**

גיא הין איך האב דיר דען גלגין אויש גריכט .

**המן**

אך אונט וויא וואש ווערין פערשטן אונ גראבין זאגין .
ווען מען ווירט המן דען קאפף אב שלאגין
אונ וויא ווירט דער שעלמע מרדכי לאכין
ווען מאן ווירט מיין קאפף אב ברעכין .
אויה לי :
אך אונט וויא וויא האב איך מיך מיט שינן קליידרן טואין בדעקין .
אבר היצונד מוז איך מיין הלז אוש שטרעקין
וויא בין איך גאנגין בייא דען קיגג אויש אונט איין
היצונד מוז איך איין גלגין צירד זיין
אויה לי :
איר הערין טוט מיך זעלבר צום עקסעמפל אן שויאן .
איך האב זעלבר אויף מיר דען גלגין טואין בויאן .
עש פפלעגט אבר אפט זוא צו זיין
איינר גראבט דיא גרוב אונ פעלט דריין

**המן**

אך אונט וויא וויא מוז איך פון דיא וועלט שיידן .
אונ דער צו גרושה שמערצן לייזן .
דרום אי מאן מיך ווירט אן גאלגין הענגין .
וויל איך פאר הער מיין זינד בקענין פר מיין ליבן גאט צו ברענגין :

**המן**

אך אונט וויא וויא איזט מיר ליידר דער גאנגין
אן מיין אייגנן גאלגין זאל איך ווערדן גהאנגן
אך איזט ניט איין יאמר אונ׳ גרושה נוט
אז איך מוז ליידן דען ביטרן טוט
אויה לי :

דרום זאל איט ווידר זיין קינד שטראפין .
דז עש אויף קיין אנדרין טוט זאל האפין .
מרדכי זיין טוט גיוווארט .
בין איך זעלבר אין דיא גרובין פר שארט .
דאש איזט מיר אלש איבר דען שעלמן מרדכי הער קומין .
איך וועלט דז אין דער טייבל העט לענגשטן גנומין
זוא ווער איך ליידר ניט אן גלגין גיקומין .
דרום זאל קיינר מיט דען יודן אן פאנגין
דען עש איזט נאך קיינם וואל אויש גיגאנגין .
מען זאל זיך פרלאזין אויף גאט .
דער אליש ערשאפין האט
דען גאט אין הימל האט עש ניט וועלין האבין .
דז מרדכי זיין פלייש זאלין עשין דיא ראבין .
נון ווייל מרדכי איזט איין פרומר מאן .
מוז איך אן גלגין גאן

איך האב גימיינט איך העטי עש גוט גמאכט
ערשט האב איכש ניט גנומין אין אב אכט
איך האב גימיינט דען יודן מרדכי אום זין לעבן צו ברענגין .
ערשט מוז איך זעלבר הענגין .
דרום נעם זיך עקסעמפעל אידר מאן .
אז מען זיך ניכט אויף זיין האפרט פר לאזין קאן .
דען העטי איך מיך ניט אויף מיין האפרט פר לאשן
זוא ווער מיין בלוט ניט ווארדן פר גאשן
איך האב אימר בייא דען קינג טאן פראנגן
דרום איזט עש מיר זוא דער גאנגין
דז איך מוז ווערין גהאנגין
איך פלעג אימר צו גין שפאצירן .
אבר היצונד מוז איך דען גלגין צירן .
איך בין בייא דען קינג גיוועזין אין זיין ראט .
היצונד האב איך פרדינט דען טוט .
איך פלעג צו גין אויש אונט איין .
היצונד זאל איך גלגין צירד זיין .
אויה לי :
אך אונט וויא מיט הערין אונ׳ פערשטן אונ׳ גראבין האבין איך טון שפייזן .
היצונד ווערין דיא ראבין אונ דיא פיגל אויף מיר הין אונט ווידר רייזן .
וויא האב איך טון עשין אונ׳ טרינקן .
היצונד מוז איך צו דער ערד זינקן
איך וויא וויא האב איך מיך גהלטין זוא פיין .
היצונד איז דער גלגין מיין טרוסט אליין
אך וויא ווער איך מיין ליבן גאט גהורזם גיוועזין .
ווער איך היצונד ווארין גנעזין
פירשטן את גראבין האבין זיך פר מיר טון נייגן אונ׳ בוקין .
היצונד ווערין דיא ראבין עשין דאש פלייש פון מיין רוקין .
אויה לי
דרום איר הערין טוט גידענקין .
וואש איינר דען יודן טוט גאט ווערטש אים ניט שענקן
איך האבי דען גלגין פופציג אלין הוך גיבויאט .
מיר זעלבר צו מיינר הויט
איך האב גמיינט איך העטי וואל גיטאן
היצונד מוז איך זעלבר דראן .
דרום זאל זיך איין יעדר מענש פאר זעהן .
דז עש אים ניט זאל גישעהן .
אונ׳ אים בעשר ער געהן

אך וויא איבר דיזה שטונדן
אז איך בין בייא דער קינגן ווערדין איין גיפונדין
אך וויא איבר דיא צייט .
אז איך בין צום גלגין ברייט .
עש קומט אבר אלש איבר דיא הורריא איין הער .
דז איך בין גיקומין אום מיין עהר .
דאש האט מיך דער גבראכט .
ווייל איך האבי דיא זאך ניט בעשר בדאכט

אך שרייבר האשטו פאר הערא ניט הערין מעלדן .
פון שמשון דען שטארקין העלדן
דאש טוט מאן אויך וואל ווישן .
דז ער האט מיט זיין הענדן איין ליבן צו ריסן .
לעצליך האט ער מיט דיא הורין אן גיפנגין .

פר וואר איבל איזט עש אין דער גאנגין
דען דיא הור האט אים איבר וואונדן אונ איבר רעט .
אין אירן בעט .
אונ׳ האט אים זיין האר אב גשארין .
דא דורך האט ער זיין שטארק פר לארין .
זיינה פיינדה האבין אין זיין אויגן אויש גשטאכין .
אבר אויף דער לעצט האט ער זיך נאך אן אין גראכין
זיא האבין אין גבונדין מיט שטארקי שטריק
ער האט זיא אבר צו ריסן אין איין אויגן בליק
ווייל ער האט גאט אן גרופין
אוש זיין ניטן האט ער אין גהאלפן .
איין שטונד פר זיין טוד . האט ער אים דיא שטערקי גגעבין .
דז ער האט פיל טויזנט פון דיא פיינדע גבראכט אום אירן לעבין

אויך דער קיגג מנשה האט אלש ביז גיטאן ווידר גאט .
האט גימיינט עש ווערט אים גין פארט
אבר בלד האט גאט דען קינג אשור גזנט .
אונ׳ אים גיאגט אויש זיין לנד .
ער האט אל זיין אב געטיר אן גרופין .
אבר עש האט אימס קיינר קענין העלפין .
אבר וויא ער רופט אן דען לעבנדיגן גאט .
וויא בלד ער אין גהאלפין האט :

אוך דער חזקי׳ וויא ער לאג אויף זיין טוט בעט קרנק .
וואר אים זער באנג
דא זענדעט ער בהענד נאך דען פראפעטין ישעי׳ ער וואלט מאכין זיין טעסטמענט .
ער האט גמיינט עש גיט מיט אים אויף איין ענד .
וויא אים דער פראפעט ער מאנט .
קערט ער זיך צו דער וואנט .
אונ׳ רופט דען ליבן גאט .
דער אין בלך גהאלפין האט
זיין גבעט האט ער גהערט .
אונ׳ זיין יאר פר מערט :

אויך האב איך הערין זאגין .
וויא פרעה האט דיא קינדר ישראל טואין פלאגין .
זיא האבן מוזין טאן שווערי ארבייט
אבר דער נאך איזטש אים ווארין לייד
לעצליך האט ער זיא נאך הרטיר טואן שטראפין .
אונ׳ האט אירה קינדר אין וושיר גיווארפין .
דער נאך האט עש אין זעלבר בטראפין.
גאט האט מאזיש אונד אהרן צו אים גישיקט .
האט ער מוזין זיין אונטיר דריקט
דער נאך אויף דען מער האט ער גיבעטין
גאט האט אים גהאלפין אויש זיין נעטין
גאט האט אים לאזין בלייבן
דז ער קענטי דיא וואונדר בשרייבן :

אויך זעה איך וואל גאט האט מיר מיינה זינד פאר בהלטין .
ווייל איך האב דיא צעהן גיבאט ניט גהלטין
ווידר דיא זעלבן האב איך טון וואלטין
אנכי האב איך ניט פר נומין
דרום בין איך אום מיין לעבין גיקומין .
אויך לא תשא האב איך ניט טואין הערין

נאר אימר פלש שווערין .
דרום וויל מיך גאט אויך ניט הערין
ווייל איך האב דען שבת טון פרשטערן
כבד את אביך האב איך ניט אין אכט גנומין .
דרום בין איך אום מיין לעבן גיקומין .
אויך לא תרצח גאטש ווארט
ווייל איך האב דער שלאגין אונ דער מארט .
דעשט הלבין איזט דער גלגין מיין ארט
אויך לא תנאף ווייל איך האב הורדייא גטריבן
דעשט וועגין בין איך ניט לעבין גבליבן
אויך לא תגנוב ווייל איך האב טון רויבן אונ שטעלין
דעשט וועגין קען איך דען גאלגין ניט פעלין
אויך דיא אנדרין גבאט האב איך פראכט
דעשט וועגין איזט דער גאלגין מיין רעכט
דרום שרייבר ליבשטר ברודר מיין
לאז מיר דאך דיא זאך אום פר ווערט זיין .
איך וויל פר דען קינג טרעטין
אונ פר מיין לעבין בעטין :

**סופר**

דיא זאך זאל דיר ניט גיווערט זיין
צו גין צו דען קינג הניין

**והולך המן למלך ולאסתר ולמרדכי לבקש עוד פעם ואומרים הכל כמו למעלה (עיין דף י׳)**

**מרדכי**

גנב איך וויל דיינר גידענקין .
אז מאן דיך ווירט הענגן
ווען מען ווירט דיין גניק צו ברעכין
ווער איך זער לאכין

**המן**

מרדכי וויא טושטו מיינר שפאטין אונ לאכין .
מען זאגט יוא ווען דאש נאכברן הויז ברענט זאל מען זיך ניט פרייאן דער זאכין
איך וויל דיר איין שווערין
דיא יודן ביז צו טון וויל איך נימר מער ביגערין :

**מרדכי**

איך ווייש אן דעם וואל

**המן**

אך אונט וויא האב איך מיר עט וואש פאר גנומין .
איך האב גימיינט דיא יודן צו בקומין .
עש האט אבר מער גהאלפין איר שרייאן אונט ווינן
אלז מיין גאלד אונ אידל גשטיינן.
האבין איר הערין ניט הערין פון דען קינג נבוכד נצר לעזין.
וויא איין שטארקיר קינג ער איז גיוועזי.ן
זוא בלד ער האט זיך זיין הערליכקייט איבר נומין .
איזט ער אום זיין לעבין גיקומין .
צו גאט דען אלמעכטיגן האט ער זיך וואלין גלייכן .
אבר גאט האט אן אין גיטאן איין גרושין צייכן .
זיבן יאר איזט ער הרום גלאפין אלז איין ווילד טיר אונ׳ האט געשין גראז.
איז גלאפין גלייך אלז איין האז.
אויך האט ער ניט הערין זאגין.
וויא דער באלטשעטצר האט דאש גפעס אויש דען טעמפיל טואין הער פאר טראגין.

און׳ האט דרויש גטרונקין.
אין איינר נכט איזט ער ווארין פר זונקין.
אלזו איזט עש מיר אויך גיגאנגין.
וויל איך האב דיא יודן וואלין פאנגין.
און׳ היצונד ווער איך גהאנגי .

דרום שרייבר ליבר ברודר מיין.
לאז דאך מיין ווייב און קינד צו מיר הריין.
לאז מיך זיא נאך איין מאל זעהן.
איהע מיר מיין רעכט ווערט גישעהן.

**סופר**
דיא זאך זאל דיר גיווערט זיין.
צו גין צו דיין ווייב און קינדר הניין.
צו קלאגין דיינה פיין :

**המן**
הערץ ליבשטש ווייב .
וויא מוז איך שיידן פון איין זוא שגיא וויישן לייב .
אך אונט וויא האב איך זעלין גידענקין.
מען ווערט מיר מיין לעבין ניט שענקן .
עש איזט מיר לייד דז דוא זאלשט צו זעהן
ווען מיר ווערט מיין רעכט גישעהן
דרום בלייב אין גאטש נאמין צו הויז
און גיא ניט הרויש
דאש וויל איך דיר נאך בפעלין וואש
איך וויל האבן מיין פלייש צו בגראבן
דז עש ניט עשין דיא ראבין .
דרום שרייבר ליבר ברודר מיין
לאז דיר מיין ווייב און׳ קינד בפולין זיין .
און׳ מאכי וואש דוא האשט צו מאכין
דער שעלמע מרדכי זאל מיינר ניט לענגר לאכין
שרייבר וייל עש ניט אנדרש קאן גזיין .
זינג מיר־ דאך איין היפש לידליין
איך וויל נאך איין מאל לושטיג זיין

**משוררים**
אך וויא איזט המן גוועזין איין מאן
ער האט זיין לעב טאג קיין גוטץ גיטאן .
וויא איזט ער גיוועזין זוא שין .
און האט אויך גיגעשין חזיר מיט קרין
וויא איזט ער גיוועזין זוא קלוג
ער טרינקט גערין נסך אויש דען קרוג
וויא איזט ער גיוועזין זוא נעט .
ער האט גערין גשלאפין בייא דען הורין אין בעט

**מלך**
שרייבר דוא האשט מיין גיבאט פר נומין .
דוא זאלשט דער זאך נאך קומין
איך טוא דיר נאך איין מאל זאגין
דוא זאלשט אין זיין קאפף בלד אב שלאגין

**סופר**

המן קום מיט מיר
איך וויל דיך פירן צו דער טיר

**המן**
וואו הין צו איין היפשה הור

**סופר**
אן גאלגין מוזטו הענגין
ווייל דוא האשט וואלין דיא יודן אום דאש לעבין ברענגין

**ומכים את ראשו**

**ואומר מרדכי**
כשם שנכנס לברית
כן יכנס לשם שדים
אמן :

**ובא המן ואומר**
איך בין גיוועזין אויף יענה וועלט
אונ׳ האב גיזעהן היפשה מיידלך אונ פיל געלט

**מרדכי**
גנב ווארום האשטו זיא ניט גנומין

**המן**
מאן האט מיך ניט לאדן דער צו קומין
אויך דיא ווייבר
האבין מיך ניט וועלין לאזין גרייפן אן איר לייבר
**כולם**
נון וועלין מיר עש לאזין אויש זיין .
מיר מוזין האבין געלט צו טרינקן ווין
וען מיר נור דאש טואין זוא קומין מיר אין הייליגן לנד אריין.
אמן

**סליק**